**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 8 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר ניו יארק סטעיט אונטער 'אינפלאציע רעדוקציע אקט' צו רעדוצירן מעטעין עמיסיעס פון אויל און גאז גרובער**

***געלטער שטיצן ניו יארק'ס אנגייענדע באמיאונגען צו רעדוצירן מעטעין עמיסיעס און באשיצן וואסער אונטער און העכער די ערד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פאראייניגטע שטאטן ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA) און די ענערגיע דעפּארטמענט ( Department of Energy, DOE) האבן געשאנקען פאר ניו יארק סטעיט 8 מיליאן דאלאר פון דעם מעטעין עמיסיעס רעדוקציע פראגראם. די געלטער, וועלכע זענען אריינגערעכנט אין דעם 'אינפלאציע רעדוקציע אקט' (Inflation Reduction Act), פארשטערקערן ניו יארק'ס אנגייענדע באמיאונגען צו העלפן רעדוצירן קלימאט-טוישנדע גאז עמיסיעס פון אויל און גאז אינפראסטרוקטור, און אזוי אויך צו באשיצן וואסער העכער און אונטער די ערד.

"ניו יארקער פילן די השפעות פון קלימאט טויש איבעראל אריבער די סטעיט, און אין אנטווארט, נעמען מיר אונטער דייטליכע שריט און מיר בויען א שטערקערע, מער שטאנדהאפטיגע ניו יארק מיט די הילף פון רעקארד-ברעכנדע סטעיט און פעדעראלע מיטלען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דיביידן-העריס אדמיניסטראציע און אונזערע פעדעראלע שותפים אנערקענען די וויכטיגקייט פון רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס דורך דעם מעטעין עמיסיעס רעדוקציע פראגראם, און זיי פארשטערקערן ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו קאנפראנטירן מיטן פולן קראפט די געפאר צו אונזער עקזיסטענץ וואס קלימאט טויש ברענגט."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "אַפּסטעיט ניו יארק, פון די סאוטערן טיער און צענטראל ניו יארק ביז מערב ניו יארק און די פינגער לעיקס, איז שוין פון לאנג געפלאגט דורך פארלאזטע אויל און גאז גרובער, שאפנדיג באהאלטענע סכנות וועלכע פארפעסטיגן אונזערע הויפן, טרונקען וואסער קוועלער און פארערגערן קלימאט טויש. יעצט, א דאנק דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט פאר וועלכע איך האב געקעמפט, וועט ניו יארק באקומען 8 מיליאן דאלאר צו רעדוצירן שעדליכע מעטעין פארפעסטיגונג פון די גרובער. איך בין שטאלץ צו ברענגען די גרויסארטיגע פעדעראלע אינוועסטירונג צו העלפן באקעמפן קלימאט טויש און זיכער מאכן אז לאקאלע רעגירונגען דארפן נישט נעמען אויף זיך די גאנצע פינאנציעלע לאסט פון אויפרייניגן די פארפעסטיגנדע איבערבלייבענישן פון די פאַסיל ברענשטאף אינדוסטריע אין אפּסטעיט ניו יארק."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "רעדוצירן מעטעין עמיסיעס איז קריטיש צו באקעמפן די השפעות פון קלימאט טויש. די פעדעראלע פינאנצירונג וועט העלפן פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו רעדוצירן מעטעין עמיסיעס אין די אויל און גאז סעקטאר און באשיצן וואסער קוואליטעט פאר צאללאזע ניו יארקער. איך בין שטאלץ צו זעהן די פעדעראלע

פינאנצירונג גייענדיג צו שאפן א ריינערע סביבה פאר ניו יארקער, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו ברענגען פעדעראלע דאלארן אהיים כדי צו באקעמפן קלימאט טויש."

**פאראייניגטע שטאטן ענערגיע דעפארטמענט אסיסטענט סעקרעטאר פאר פאַסיל ענערגיע און קארבאן פארוואלטונג, ברעד קרעבטרי, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט איז א פירערין אין די לאנד'ס-ברייטע אונטערנעמונג צו רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס. ״א דאנק פרעזידענטביידן'ס אגענדע צו 'אינוועסטירן אין אמעריקע', קענען סטעיטס ווי ניו יארק טוהן נאך מער צו שניידן שעדליכע פארפעסטיגונג און אונטערנעמען א וויכטיגע טריט צו פארשטייטערן די חורבנות-אנזייענדע השפעות פון קלימאט טויש."

**פאראייניגטע שטאטן ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור ראיאן 2 אדמיניסטראטארין, ליסא פ. גארסיע, האט געזאגט,** "ניו יארק שטייט אין שפיץ פונעם וועג ביים באקעמפן קלימאט טויש דורכן רעדוצירן מעטעין עמיסיעס פון אויל און גאז גרובער. א דאנק דעם אינפלאציע רעדוקציע אקט – די גרעסטע פעדעראלע קלימאט אינוועסטירונג אין די היסטאריע – ווייזט די 8 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג ארויס די איבערגעגעבנקייט פון די EPA און ניו יארק סטעיט צו רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס און באשיצן אונזערע וועזנטליכע וואסער קוועלער. דורכן פארשטאפן אויל און גאז גרובער און פארמיידן ארויסרינענדע מעטעין, עלימינירן מיר א ריזיגע מקור פון פארפעסטיגונג און באשיצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון אלע ניו יארקער."

די 8 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער וועלן גענוצט ווערן צו פאראויס שטופן די באמיאונגען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) צו נאכפאלגן און פארמינערן מעטעין עמיסיעס פון די אויל און גאז סעקטאר אזוי ווי די סטעיט ארבעט צו פארשטאפן גרובער, זיך קאנצענטרירנדיג אויף גרובער וואס ווערן אויפגעהאלטן דורך פריוואטע לאנד אייגנטימער. די געלטער זענען טייל פון 350 מיליאן דאלאר וואס איז געשאנקען געווארן פאר 14 סטעיטס וואס וועט העלפן מעסטן און רעדוצירן מעטעין עמיסיעס — איינס פון די גרעסטע טרייבער פון קלימאט טויש. די פינאנצירונג, ערמעגליכט דורך פרעזידענט ביידן'ס אינפלאציע רעדוקציע אקט – די גרעסטע פעדעראלע קלימאט אינוועסטירונג אין די היסטאריע – וועט העלפן ניו יארק און אנדערע סטעיטס שטיצן אינדוסטריע באמיאונגען צו שניידן מעטעין עמיסיעס פון אקטיווע גרובער און שטיצן ענווייראמענטאלע אויפרעכטונג פון גרוב לאקאציעס.

דער מעטעין עמיסיעס רעדוקציע פראגראם שטעלט אויך צו א געמיש פון טעכנישע און פינאנציעלע הילף פאר ניו יארק צו העלפן גרוב אייגנטימער און אויפהאלטער צו גיין פון זייער אייגענע ווילן און עלימינירן מעטעין עמיסיעס פון טראדיציאנאלע אויל און גאז גרובער וועלכע פראדוצירן קלענערע מאסן פון אויל/גאז (אויך גערופן marginal conventional wells) מיט מעטעין עמיסיעס וואס זענען הויך אין פארגלייך צו די מאס אויל/גאז וואס זיי גיבן ארויס.

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט, און מיט די הילף פון אונזערע פעדעראלע שותפים, שטופט ניו יארק פאראויס א געוועכטע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און שטיצט א גרינע עקאנאמיע פאר די צוקונפט. פארמינערן מעטעין פון די אויל און גאז סעקטאר איז קריטיש פאר ניו יארק'ס פארשריט ביים איינפירן דעם קלימאט געזעץ און אנקומען צו אונזערע עמיסיעס רעדוקציע דערגרייכונגען. די DEC באדאנקט פרעזידענט ביידן, EPA אדמיניסטראטאר ריגען און ראיאנישע אדמיניסטראטארין גארסיע און DOE סעקרעטארשע גרענהאלם פאר די באדייטנדע 8 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס אנגייענדע מעטעין רעדוקציע אינציאטיוון."

די פעדעראלע געלטער וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן ערגענצן ניו יארק'ס פילע שריט צו רעדוצירן עמיסיעס פון מעטעין און אנדערע ענווייראמענט-שעדיגנדע גאזן. אין 2022 האט גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגטע רעגולאציעס וועלכע פארלאנגען באדייטנדע רעדוקציעס אין מעטעין און אנדערע שעדליכע עמיסיעס פון סיי וועלכע אויל און נאטורליכע גאז אינפראסטרוקטור אין ניו יארק סטעיט. די רעגולאציעס האבן אפגעצייכנט א וויכטיגע דערגרייכונג אויפן וועג צו אויספירן די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע ריינע-ענערגיע און קלימאט אגענדע מיטן רעדוצירן מעטעין עמיסיעס מיט מער פון 14,000 מעטריק טאָן א יאר, און עמיסיעס פון ארגאנישע כעמיקאלן וועלכע ווערן גרינג גאז מיט מער פון 2,000 טאן א יאר. אין צוגאב, שטעלן רעגולאציעס פון 2020 אוועק גרעניצן, פארלאנגענדיג אז עמיסיעס פון מעטעין און אנדערע ענווייראמענט-שעדיגנדע גאזן איבערן סטעיט זאלן רעדוצירט ווערן מיט 40 פראצענט ביז 2030, 85 פראצענט ביז 2050, אריינרעכנענדיג עמיסיעס פארבינדן מיט אימפארטירטע עלעקטריציטעט און פאָסיל ברענשטאף.

פריער דאס יאר, האט [גאווערנער האקול אנאנסירט די פארענדיגונג](#) פון די ערשטע גאז גרוב וואס איז זיכערערהייט פארשטאפט געווארן מיט פינאנצירונג פון א 25 מיליאן דאלארדיגע פעדעראלע גרענט צו ניו יארק סטעיט דורך דעם היסטארישן 'צוויי-פארטייאישע אינפראסטרוקטור געזעץ' ( Bipartisan Infrastructure Law). ניו יארק סטעיט ארבעט מיט לאנד אייגנטימער צו פארשטאפן אלטע און פארלאזטע אויל און נאטורליכע גאז גרובער צו באשיצן די פובליק זיכערהייט, העלפן רעדוצירן מעטעין און אנדערע קלימאט-טוישנדע גאז עמיסיעס.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכנענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע איפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכנענדיג איבער 52 ביליאן דאלאר אין 118 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, כמעט 3 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכנענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קלימאט געזעץ, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד 'קלימאט-קלוגע' קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו העלפן ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן